# מיט א טיפערן בליק

## פרשת נצבים וילך תשפ"ו

## שטרעק אויס א האנט!

בס"ד

א גוטן טייערע חברים וידידים..!

מיר שטייען אצינד אין פרשיות נצבים וילך וועלכע גייען אינאיינעם. ווי באקאנט דינען די יעצטיגע פרשיות אלס א הכנה צו די הייליגע טעג וואס קומען צו גיין, פרשת נצבים איז שטענדיג די שבת פאר ראש השנה, עס שטייט טאקע אין **זוהר הקדוש**, און איז מבואר באריכות אין **ספרים הקדושים** אז אַתֶּם נִצָּבִים **"הַיּוֹם"** כֻּלְּכֶם לִפְנֵי ה' אֱלֹקֵיכֶם, גייט ארויף אויף ראש השנה, 'היום' איז דער יום הדין אין וועלכע מיר שטייען אלע פאר השי"ת. לאמיר זיך פארטיפן און מתבונן זיין וואס איז די שייכות און די קשר פון פרשת נצבים מיט ראש השנה, און וואס קענען מיר ארויסנעמען פון דא און לערנען א לימוד אויף למעשה.

לאמיר ממשיך זיין אביסל ווייטער צו פרשת וילך, און זעהן די דברים נפלאים וואס עס שרייבט דער הייליגער **רמב"ן** אויף די ווערטער וַיֵּלֶךְ מֹשֶׁה וַיְדַבֵּר אֶת הַדְּבָרִים הָאֵלֶּה אֶל כָּל יִשְׂרָאֵל, וואו איז משה רבינו געגאנגען? ערקלערט דער רמב"ן אז צום ערשט זענען אלע אידן געשטאנען פאר משה רבינו ווי מיר געפונען אנהייב פרשת נצבים, אַתֶּם נִצָּבִים הַיּוֹם כֻּלְּכֶם וגו' רָאשֵׁיכֶם שִׁבְטֵיכֶם זִקְנֵיכֶם וְשֹׁטְרֵיכֶם כֹּל אִישׁ יִשְׂרָאֵל, משה רבינו האט כּוֹרֵת בְּרִית געווען מיט זיי ווי די תורה הקדושה דערציילט אונז. דערנאך זענען זיך די אידן צוגאנגען, יעדער האט זיך צוריקגעקערט צו זיין געצעלט. יעצט ווענדט משה רבינו זיינע טריט און ער גייט צו זיי, **"ויאמר הכתוב עתה, כי משה הלך ממחנה לויה אל מחנה ישראל לכבדם, כמי שירצה להפטר מחבירו ובא ליטול רשות ממנו"**, משה רבינו האט געוואלט דערמיט מכבד זיין די אידן ווי איינער וואס קומט צו זיין חבר זיך געזעגענען און נעמען רשות פון איהם צו קענען אוועקגיין. די זעלבע האט משה רבינו געטוהן דא, ער איז געקומען זיך געזעגענען און נעמען ווי רשות פון כלל ישראל איידער ער גייט נסתלק ווערן פון די וועלט.

פארשטייט זיך אז דער ענין איז א חידוש נפלא, אונזער גרויסער און הייליגער רבי משה רבינו לאזט זיך אראפ און גייט אריבער צו די אידישע קינדער זיך געזעגענען פון זיי. וואס איז פשט פון דעם אז דער רבי גייט נעמען רשות פון זיינע תלמידים? פאר איבער פערציג יאר איז ער געווען פארנומען זיך מקריב זיין פאר כלל ישראל מיט מסירות נפש און טוהן וואס נאר מעגליך פאר זיי, אויב עפעס וואלט דאך אוודאי געפאסט אז כלל ישראל זאל אריבערקומען צו איהם, ער זאל לאזן רופן די אידן צו זיך, אדער על כל פנים זיך געזעגענען פון זיי פריער בשעת זיי זענען געווען צוזאמען נאכן כורת ברית זיין. וואס באדייט דער ענין אז משה רבינו לאזט זיך אזוי אראפ און ער גייט צו די אידן רעדן צו זיי און זיך געזעגענען? און פון וואו האט ער גענומען אזא געדאנק, וואס איז דער מקור פון זיין התנהגות? דאס איז א ענין וואס איז צריכה לימוד צו דערהערן וואס עס ליגט אין דעם פאר אונז זיך אפצולערנען.

צום לעצט נאך א הערה בדרך צחות. די צוויי פרשיות גייען אינאיינעם, אבער בעצם זענען זיי ממש אזוי ווי א דבר והיפוכו, נצבים איז טייטש שטיין, וילך איז טייטש גיין, און זיי זענען א תרתי דסתרי, ווייל ווען מ'שטייט גייט מען נישט און ווען מ'גייט שטייט מען נישט... וואס באדייט דעם 'נצבים וילך' אינאיינעם?

**ווען מ'לאזט נישט אריין דעם טאטן מיט די גוטע מתנות**

שטייענדיג אצינד ביים שוועל פון די ימי הרחמים והרצון ווען אט הייבן מיר שוין אָן צו זאגן סליחות, איז כדאי אביסל מרחיב צו זיין אין ענינא דיומא און נאכזאגן א הערליכע און טרעפליכע משל וואס דער ירושלים'ער מגיד **הגאון ר' שלום שוואדרון זצ"ל** פלעגט זאגן אויף חודש אלול, און אויפן פסוק "קול דודי דופק פתחי לי".

עס איז אמאל געווען א פּאָרפאָלק אין אמעריקע וואס זייער זוהן האט חתונה געהאט קיין ארץ ישראל. דער זוהן האט אויפגעשטעלט א שטוב, עס זענען געבוירן געווארן קינדער, אבער קיין איבריגע פרנסה האבן זיי ביידע נישט געהאט, נישט דער טאטע און נישט דער זוהן, און ממילא איז קיינמאל נישט אויסגעקומען אז איינער זאל פאָרן באזוכן דעם אנדערן. אזוי וואַקסט אונטער א פרישע דור מיט אייניקלעך, א גאנצע הערליכע משפחה איז זיך ברייט צעוואַקסן בליעה"ר, און די זיידע און באבע גייען ממש אויס פון געגועים און בענקעניש, זיי האבן שוין אזוי לאנג נישט געזעהן זייער באליבטער זוהן און קיינמאל נישט געזעהן די לעבטיגע אייניקלעך וואס געפונען זיך אין די מרחקים.

עס איז געקומען א צייט ווען די עלטערן האבן באשלאסן אז זיי האלטן עס מער נישט אויס, די מצב הפרנסה איז שוין געווען אביסל לייכטער, און עס איז געקומען די צייט זיך אויפצוהייבן און פאָרן קיין ארץ ישראל באזוכן דעם זוהן. פארשטייט זיך אז די נסיעה האט געהאט פיבערהאַפטיגע הכנות פון פריער, זיי האבן איינגעקויפט שיינע מתנות פאר יעדע אייניקל לויט זיין יארגאנג, ווי אויך פארשידענע טייערע כלים און חפצים וואס זיי האבן געהאלטן אז דער זוהן וועט הנאה האבן דערפון. זיי גרייטן זיך, זיי פּאַקן די רעגצלעך, און די התרגשות איז גובר, עס שטארקט זיך פון טאג צו טאג. זיי האבן כסדר מיטגעטיילט זייערע געפילן מיט אלע זייערע ארומיגע און באקאנטע און זיך ווארים געזעגנט פון יעדן לקראת דעם גרויסן רייזע. ענדליך קומט שוין דער זמן, זיי האבן געשיקט א בריוו פאר זייער זוהן אז זיי קומען אי"ה צו פאָרן מיט'ן קומענדיגן שיף וואס וועט אנקומען ביום פלוני, דער זוהן האט צוריקגעענטפערט ווי ווייט ער פרייט זיך און ער קען קוים וואַרטן אויף זייער אנקום.

אין א מזל'דיגע שעה לאזן זיי זיך ארויס אויפן לאנגע רייזע, במשך די גאנצע צייט אויפן ים האבן זיי געהאלטן אין איין טראכטן און זיך פאַרשטעלן אין זייער דמיון ווי שיין ס'וועט אויסקוקן די באזוך, די באגעגעניש מיט זייער זוהן און אייניקלעך, די קבלת פנים, די התרגשות, די געשמאקע טעג אינאיינעם. צו סיי ווער עס איז נאר געווען דארט אויפן שיף האבן זיי גערעדט און דערציילט וועגן די גליקליכע נסיעה וואס זיי רעכטן יעצט אפ, זיי האבן זיך אויפגעטוהן און געוויזן די הערליכע מתנות וואס זיי טראגן פאר די קינדער.

ענדליך ווען ס'קומט אן דער לאנג ערווארטעטער טאג, זיי שלעפן אראפ זייערע שווערע אנגעפילטע רענצלעך מיט די טייערע מתנות וואס זיי האבן געברענגט. זיי קוקן זיך אום אויף אלע זייטן, זייענדיג זיכער בלי שום ספק אז דער זוהן מיט די אייניקלעך שטייען אויסגע'שורה'ט דארטן ביים פּאָרט זיי אפצונעמען מיט כבוד מלכים. ויפן כה וכה, מען קוקט ארום אין יעדן ווינקל, אבער עס זעהט זיך נישט קיין שום היימיש פנים אויפן האריזאנט, קיין איינער וואס זעהט אפילו אויס ענדליך צו זייער זוהן. זיי שטייען אזוי פארלוירן, אבער פראבירן זיך צו טרייסטן, נו עס מאכט זיך אמאל אז א מענטש האט א סיבה אדער א אונס וואס האלט איהם אפ פון קומען, אפשר האט עפעס פאסירט אז דער זוהן האט נישט אנגעיאָגט, אפשר האט ער נישט גענוי פארשטאנען די פונקטליכע דאטום ווען זיי קומען אָן. זיי שטארקן זיך און לאזן זיך אליינס ארויס אויפן וועג אין ריכטונג צום זוהן'ס הויז.

נאך א לאנגע שווערע רייזע קומען זיי אָן צום אדרעס וואו דער זוהן וואוינט. ס'איז געווען אין די פריע פארטאָגס שעות ווען מ'זעהט נישט קיין נפש חיה אויף די גאס. אבער זיי ווייסן אז זיי וועלן געוויס שנעל טרעפן דעם ריכטיגן אריינגאנג, ווייל עס הענגען זיכער פון אלע זייטן שיינע שילדן און ברוכים הבאים סיינס וואס די קינדער האבן געמאָלן און ארויסגעלייגט לכבודם. אבער ניין, מען זעהט גארנישט, עס איז נישט דא קיין שום זכר פון התרגשות אדער שמחה אז זיי קומען.

זיי לאזן אבער נישט די געפילן זיי איבערנעמען, זיי שלעפן זיך ארויף די טרעפ מיט די שווערע רענצלעך, און קלאפן אָן אויפן טיר. עס זענען נישט דא די ווערטער צו שילדערן זייער הארץ קלאפעניש און רוישיגע געפילן צו די לאנגע ערווארטעטע מינוט אויף וואס זיי האבן אזוי געהאָפט און ארויסגעקוקט, אט אט וועט מען זיך שוין באגעגענען פנים אל פנים מיט'ן זוהן, מען וועט איהם ארומהאַלדזן און קושן מיט פרייד. זיי קלאפן שטילערהייט אויפן טיר ווייל זיי ווילן נישט אויפוועקן די שכנים אין אזא פריע שעה, אבער אֵין קול ואין עונה, קיינער ענטפערט נישט. ס'זעהט נישט אויס אז איינער האט אפילו געקלערט פון זייער אנקום, זיי קלאפן נאך און נאך, אפשר דאָך וועט איינער אינעווייניג זיי הערן.

ענדליך נאך א לאנגע צייט הערט מען ווי איינער שלעפט זיך צו צום טיר. עס מאכט זיך אויף א קליינע שפאלט, זייער זוהן שטייט דארט מיט זיינע שלאף קליידער און פאַרקלעבטע אויגן. די עלטערן ווילן ארויפפאַלן אויף איהם, זיי ווילן איהם ארומנעמען מיט ליבשאפט. אבער דער זוהן ווייזט זיי צו זיין שטיל, ס'איז זייער פרי און די קינדער שלאפן נאך, ער וויל נישט אז זיי זאלן זיך דערוועקן. "זייטס מוחל, דא אין די ווינקל פונעם גאס איז דא א קליינע האטעל וואו מ'קען איינשטיין. גייטס אהין אויף אפאר שעה, שפעטער ווען יעדער וועט זיין אויף און מ'וועט זיין גרייט און אויסגערוהט, דעמאלטס וועט עטס אריינקומען צו מיר אין שטוב"...

מיט טרערן אין די אויגן זאגן זיי איהם, "יענקל טייערער, מיר האבן דיך נישט געזעהן אזויפיל יארן, לאז אונז אריין פאר א מינוט, מיר ווילן דיר נאר באגריסן, מיר ווילן דיך נאר ארומהאַלדזן, לאז אונז פשוט אראפשטעלן די רענצלעך וואס מיר האבן דיר געברענגט ביי דיר אין שטוב אז אונז זאלן עס נישט דארפן שלעפן", אבער דער זוהן זאגט, "ניין, ניין, יעצט איז נישט גוט, איך זאג ענק, מאכטס נישט קיין רעש, קיין טומל, טוטס מיר א טובה נעמטס ענקערע זאכן, גייטס אוועק פאר אפאר שעה, באלד וועל איך זיין גרייט" און ער פאַרקלאַפּט דעם טיר אין זייער פנים.

פארשטייט זיך אז די אנטוישונג פון די עלטערן איז געווען אזוי גרויס, זיי זענען געווארן אזוי פארביטערט און צעבראכן. מיט שווערע טריט האבן זיי זיך געשלעפט מיט די אנגעפילטע רענצלעך ביז די האטעל וואס געפונט זיך ביים עק גאס. די ערשטע זאך האבן זיי געזוכט א טעלעפאן פון וואו מ'קען קלינגען קיין אמעריקע צו זייער טרעוול אגענט, זיי פארבינדן זיך מיט איהם און זאגן איהם אז זיי האבן טאקע געפלאַנט צו בלייבן אין ארץ ישראל פאר א לענגערע ווילע, אבער עפעס האט זיך געמאכט אז זיי דארפן שוין אהיימפאָרן, זיי זוכן די שנעלסטע וועג צוריק קיין אמעריקע. זיי ווילן זיך מיטכאפן מיט די נעקסטע שיף וואס פּאָרט ארויס, אבער שוין.

אומר ועושה, זיי נעמען זייערע רענצלעך, זייערע אלע זאכן, זיי איילן זיך ארויס צוריק צום פּאָרט, און קורצליך דערנאך זיצן זיי שוין אויפן קומענדיגן שיף צוריק קיין אמעריקא בפחי נפש.

עס גייען אדורך אפאר שעה, דער זוהן מיט זיין משפחה וועקן זיך אויף, זיי קראצן זיך אויס און מאכן זיך גרייט, דערנאך גייען זיי צום האטעל אפירזוכן די זיידע און באבע וואס זענען געקומען פון אמעריקע. אבער דארט ווערן זיי געוואויר אז די עלטערן זענען שוין געגאנגען, מיט אפאר שעה צוריק האבן זיי פארלאזט דאס פלאץ, און געזאגט אז זיי ווענדן זיך צוריק קיין אמעריקע...

פלעגט ר' שלום שוואדראן זאגן, טייערע אידן, אין פסוק שטייט "קוֹל דּוֹדִי דוֹפֵק" אונזער פריינט, אונזער הייליגער טאטע אבינו שבשמים קלאַפּט אויפן טיר, "פִּתְחִי לִי אֲחֹתִי רַעְיָתִי יוֹנָתִי תַמָּתִי". דער אייבישטער רופט אונז אָן מיט אלע לשונות של חיבה, און בעהט זיך ביי אונז מאכטס מיר אויף דעם טיר. איך בין כביכול געקומען מיט א פולע רענצל, מיט די בעסטע און שענסטע מתנות. עס איז דאך דא אזויפיל גוטע זאכן וואס דער רבונו של עולם וויל משפיע זיין פאר אונז, ער וויל אונז געבן. - אבער דערווייל וואס ענטפערט דער מענטש? "פָּשַׁטְתִּי אֶת כֻּתָּנְתִּי אֵיכָכָה אֶלְבָּשֶׁנָּה" איך האב שוין אויסגעטון מיין העמד, וויאזוי וועל איך עס יעצט אנטון? יעצט איז נישט אזא גוטע צייט פאר מיר, איך גיי נאך מיט די נאכט קליידער, איך האלט נאך אינמיטן שלאפן. "רָחַצְתִּי אֶת רַגְלַי אֵיכָכָה אֲטַנְּפֵם" איך האב אפגעוואשן מיינע פוס, וויאזוי וועל איך זיי שמוציג מאכן?

**חודש אלול איז א זמן ווען הקב"ה קומט צו אונז, ער וויל אונז אנכאפן און מקרב זיין צו זיך, ער וויל אונז באגיסן מיט אזויפיל גוטע השפעות וואס ער האט צוגעגרייט פאר אונז. עס קומט א נייע יאר, ער וויל אונז געבן לעבן, געזונט, פרנסה, נחת, שלום בית, הרחבת הדעת, און וואס נישט?!** אבער לײדער זענען מיר אסאך מאל אין א פאַרשלאָפענע מצב, מיר האלטן נישט ביים זיך ערוועקן, מיר זענען נישט גרייט זיך אנצושטרענגען, ארויסצושפרינגען פון בעט, קעגן לויפן דעם אייבערשטן, און איבערנעמען פון איהם די אלע גוטע מתנות וואס ער וויל אונז ברענגען. מיר זענען יעצט 'נישט אין די גיסטע' פון די אלול'דיגע עבודה און מיר לאזן עס פאַרבייגיין.

שפעטער, ווען דער מענטש גייט ארויס פון בעט, ענדליך ווען ער דערמאנט זיך און ער זוכט שוין דעם אייבערשטן, קען חלילה דער באשעפער זאגן, "דּוֹדִי חָמַק עָבָר" די געלעגנהייט האט זיך ארויסגעגליטשט פון אונזערע הענט...

### דער רבוש"ע שטרעקט אויס זיין האנט צו אונז אין חודש אלול

טייערע אידן! אסאך פון אונז האבן א שטיקל נעגאטיווע בליק אויף חודש אלול, מ'האט מורא פון די תשובה, פון די תיקון המעשים, פון די סליחות. מ'קוקט עס אָן ווי עפעס אזא גרויסע בער, ווי א שווערע אונטערנעמונג. מ'כאפט אבער נישט אז דאס איז די גרעסטע מתיקות, די גרעסטע אור וואס איז דא. כביכול דער רבונו של עולם אליין קומט צו גיין בכבודו ובעצמו מיט אנגעפילטע רענצלעך מיט אלע גוטע זאכן, ער וויל אונז געבן, ער וויל אונז דערנענטערן, ער שטרעקט אויס א האנט צו אונז, ער וויל אונז ברענגען נאנט צו זיך, און מיר דארפן סך הכל 'ענטפערן זיין רוף' און זיך וויסענדיג מאכן דערפון. דער רבוש"ע שטייט א שפאַן אוועק, ער איז דא, ער וואַרט נאר צו הערן פון אונז, ער וואַרט נאר מיר זאלן איהם אריינלאזן.

מיר דארפן געדענקען אז דאס איז די מהות פון חודש אלול און די ימי הרחמים והרצון, "אֲנִי לְדוֹדִי וְדוֹדִי לִי", דער אייבערשטער וויל אונז ארומהאַלדזן, ער וויל אונז ארומנעמען, מקרב זיין צו זיך.

נאך מער, דער אייבערשטער איז זיך מַמציא צו אונז, ער קומט צו גיין קלאפן אויף אונזער טיר און אונז אויסשטרעקן א האנט, אפילו באמת וואלטן מיר געדארפט זיין דער וואס גייט איהם אויפזוכן. ווי חז"ל דַרש'ענען אין **מסכת ראש השנה** (דף י"ח.) אויפן פסוק דִּרְשׁוּ ה' בְּהִמָּצְאוֹ קְרָאֻהוּ בִּהְיוֹתוֹ קָרוֹב, אז דאס גייט ארויף אויף די עשרת ימי תשובה ווען דעמאלטס געפונט זיך דער אייבישטער נאנט, ער מאכט זיך גרייט פאר אונז אז מיר זאלן איהם גרינג קענען אנכאַפן.

### להיות אוחז בידיו ממש איש איש ממקומו

נאך מער, דער ענין איז מבואר אין די פסוקים אין **פרשת נצבים**, די תורה זאגט (ל' ג') וְשָׁב ה' אֱלֹקֶיךָ אֶת שְׁבוּתְךָ וגו' אִם יִהְיֶה נִדַּחֲךָ בִּקְצֵה הַשָּׁמָיִם מִשָּׁם יְקַבֶּצְךָ ה' אֱלֹקֶיךָ וּמִשָּׁם יִקָּחֶךָ, דער אייבישטער וועט אונז צוריק קערן צו זיך, ער וועט אונז קומען נעמען פון סיי וואו אימער דער איד וועט חלילה זיין פאַרוואָרפן. ווי **רש"י הק'** שרייבט "גָּדוֹל יוֹם קִבּוּץ גָּלֻיּוֹת וּבְקֹשִׁי, כְּאִלּוּ הוּא עַצְמוֹ צָרִיךְ לִהְיוֹת אוֹחֵז בְּיָדָיו מַמָּשׁ אִישׁ אִישׁ מִמְּקוֹמוֹ, כְּעִנְיָן שֶׁנֶּאֱמַר וְאַתֶּם תְּלֻקְּטוּ לְאַחַד אֶחָד בְּנֵי יִשְׂרָאֵל", ווען עס וועט קומען די גאולה שלימה וועט השי"ת אויסשטרעקן א האנט און אָנכאַפן יעדער איד באזונדער, איינס ביי איינס, און אזוי ארויסשלעפן פון גלות...

הגם די פסוקים רעדן טאקע פון די גאולה העתידה, שטייט אבער אין **ספרים הקדושים** אז דאס איז אויך געזאגט געווארן אויף די יעצטיגע הייליגע טעג. ווי עס איז מרומז אינעם פסוק באלד דערנאך, וּמָל ה' אֱלֹקֶיךָ **אֶת לְבָבְךָ** וְאֶת לְבַב זַרְעֶךָ לְאַהֲבָה אֶת ה' אֱלֹקֶיךָ וגו' וועלכע איז ראשי תיבות אלול. אין די יעצטיגע טעג פון חודש אלול שטרעקט דער רבוש"ע אויס א האנט צו יעדער איד באשר הוא שָׁם און העלפט איהם זיך צוריק צו קערן.

### די עיקר הכנה איז אחדות און אהבת ישראל

לאמיר ממשיך זיין א טריט ווייטער. אונזער עבודה אין די יעצטיגע טעג איז עוסק צו זיין אין תשובה און תיקון המעשים, בפרט בעניני בין אדם לחבירו, ווי חז"ל זאגן אונז אז יום כיפור איז נישט מכפר עד שירצה את חבירו. [זעה אין **קיצור שולחן ערוך** (סי' קכ"ח סי"ד) "ולא ימתין עד ערב יום הכפורים, אלא יקדים את עצמו היום לבקש מחברו מחילה" אז מ'זאל נישט וואַרטן ביז ערב יום כיפור, נאר מ'זאל שוין איבערבעטן דעם חבר ערב ראש השנה, און דאס איז א זכות און א הכנה צו די יום הדין].

אין ספה"ק **תפארת שלמה** (פר' כי תצא) שטייט אז די ריכטיגע הכנה וואס מיר קענען מאכן צום גרויסן יום הדין פון ראש השנה איז דורכ'ן פאַרמערן אהבה אחוה און ריעות צווישן אידישע קינדער, **"ועיקר ההכנה על יום הנורא הזה להיות אחוה וריעות בין בני ישראל"**. ער טייטשט מיט דעם דער פסוק אין **תהלים** (צ"ח) בַּחֲצֹצְרוֹת וְקוֹל שׁוֹפָר הָרִיעוּ לִפְנֵי הַמֶּלֶךְ ה', הריעו איז א לשון פון 'רֵיעוּת' און פריינטשאפט, מ'דארף ליב האבן און אנערקענען די מעלות פון יעדער איד ווען עס קומט דער גרויסער זמן פונעם יום הדין "לִפְנֵי ה' כִּי בָא כִּי בָא לִשְׁפֹּט הָאָרֶץ". עיין שם בדבריו הקדושים.

### גיין אין די וועגן פון די הייליגע אמוראים

עס האט מיר אמאל דערציילט א איד וועלכער האט געהאט א שטארקע סכסוך מיט זיינס א חבר אויף עפעס א געוויסע ענין, עס האט אויסגעבראכן גאר א שווערע מחלוקת צווישן זיי און מ'האט עס נישט געקענט בארואיגן פאר א לאנגע צייט. זיי האבן זיך ממש געקריגט און געהאַסט איינער דעם אנדערן.

דער איד דערציילט אז איינמאל פאר די הייליגע טעג ווען ער האט גערעדט מיט זיין רבי'ן וועגן דעם נושא, האט איהם דער רבי געזאגט, לדעתי האלט איך אז דו זאלסט גיין איבערבעטן דיין חבר. זאגט דער איד פאר זיין רבי, וואס הייסט?! מיין חבר האט מיך בא'עוול'ט, ער האט מיר שלעכט געטוהן, פארוואס עפעס זאל איך איהם גיין איבערבעטן? האט דער רבי ארויסגענומען א גמרא **מסכת יומא** און געלערנט מיט מיר א שטיקל (דף פ"ז.) וואו די גמרא דערציילט די הנהגה פון ר' זירא, ווען איינער האט איהם וויי געטוהן איז ער געגאנגען און זיך געדרייט נעבן יענעם, כדי עס זאל איהם זיין גרינג איבערצובעטן. ווי אויך דערציילט די גמרא דארט באריכות א מעשה מיט רַב וואס א געוויסער קצב וואס האט איהם באליידיגט, און רב איז געגאנגען זיך דרייען דארט ביים קצב כדי דער קצב זאל איהם קענען מפייס זיין. מיין רבי האט מיר דעמאלטס צוגעגעבן, **נישט בחנם האט עס די גמרא געברענגט. אויב חז"ל דערציילן אונז די זאכן, איז א סימן אז זיי ווילן מיר זאלן גיין אין די וועגן,** מיר זאלן דאס נאָכמאַכן און טוהן די זעלבע מיט מענטשן וואס האבן אונז וויי געטוהן. עס איז טאקע נישט לייכט, אבער די שכר און די ריוח וואס קומט ארויס פון דעם איז זייער גרויס!

דער איד דערציילט אז ס'איז איהם געווען זייער שווער, אבער ער האט געפאלגט און אזוי געטוהן, ער האט אנגעהויבן ערשט און איבערגעבעטן זיין חבר, און דער חבר האט איהם מוחל געווען. ער פירט אויס, עס איז באמת געווען א גרויסע עבודה פון זיין זייט, אבער למעשה די תוצאות און ריוח וואס ער האט געהאט דערפון, די הרחבת הדעת, די ישוב הדעת, און די שמחה וואס עס האט געברענגט, איז אֵין לשער! ס'האט נאר אויסגעפעלט די קליינע פעולה פון אוועקעבן אביסל פון זיך, זיך מכניע זיין און גיין איבערבעטן יענעם, און דאס האט געברענגט שלום ושלוה און אזויפיל רואיגקייט נאכדעם.

## זיך געלערנט פון השי"ת אליינס

איך האב אמאל געהערט פון **מו"ר הג"ר יצחק דוב קאפעלמאן ראש ישיבת לוצערן זצ"ל** אויף די אויבנדערמאנטע גמרא אין מסכת יומא, פון וואו האבן די אמוראים גענומען זייער הנהגה? פון וואו האבן זיי געוואוסט אז ס'איז אן ענין אז זיי זאלן גיין זיך 'מַמְצִיא' זיין פאר דער וואס האט זיי געטשעפעט און העלפן אז יענער זאל זיי קענען איבערבעטן? האט דער ראש ישיבה זצ"ל געזאגט אז זיי האבן זיך געלערנט די הנהגה פונעם אייבערשטן אליין! דער אייבערשטער טוט אזוי צו כלל ישראל, ווען עס קומט חודש אלול און די ימי הרחמים והסליחות קומט ער און איז זיך ממציא פאר אידישע קינדער. ווי מיר וויסן פון אלע **ספרים הקדושים**, אז יעצט איז א זמן פון 'המלך בשדה' ווען דער קעניג איז אין פעלד כביכול, ער איז נישט ביי זיך אינדערהיים נאר ער איז מצוי ביים פאלק, יעדער קען צוקומען צו איהם.

האבן די אמוראים פון דעם פארשטאנען פונקט ווי דער אייבישטער טוט אזוי מיט אונז, דארפן מיר טוהן די זעלבע מיט אנדערע. זיי האבן פשוט מקיים געווען "והלכת בדרכיו" זיי זענען געגאנגען אין די וועגן פונעם בורא עולם און זיך אויך ממציא געווען און ארויסגעהאלפן אנדערע וואס דארפן זיי איבערבעטן.

[אגב קען מען צולייגן, אז דאס איז טייטש 'המלך בשדה', נישט סתם אז דער מלך איז נישט אין פּאַלאַץ, נאר דער מלך קומט ארויס נאך אונז. מיר זענען פאַרלוירן און פאַרבלאָנדזשעט ערגעץ אין א וויטן פעלד, און דער רבונו של עולם קומט ביז אהין, ער איז זיך ממציא צו אונז אז מיר זאלן איהם קענען אנכאפן און זיך צוריקקערן צו איהם].

## מקיים זיין די צוואה פון משה רבינו

היוצא לנו, מיר האבן דערהערט ביז אהער צוויי געוואלדיגע נקודות: צום ערשט, אז אין די יעצטיגע טעג קומט השי"ת און ער איז זיך ממציא פאר כלל ישראל, דער אייבישטער קומט נאנט צו אונז און שטרעקט אונז אויס א האנט פאר תשובה. און די צווייטע נקודה, אז מיר דארפן טוהן די זעלבע, מיר דארפן זיך ממציא זיין פאר אנדערע. צומאל איז יענער טאקע שולדיג, יענער האט אונז ער בא'עוול'ט, מיר האבן ריכטיגע טענות, אבער אזוי וועט קיין שלום נישט ווערן. מיר דארפן זיך ארופלאזן, מכניע זיין, און טוהן עצות ותחבולות וויאזוי מ'קען ברענגען מער אחדות און ליבשאפט צווישן אידן.

דערמיט קומען מיר צוריק צו וילך משה און די ווערטער פונעם **רמב"ן** אז משה רבינו איז געגאנגען צו כלל ישראל זיך געזעגענען. דאס איז אט די זעלבע בחינה, משה רבינו האט זיך דאס געלערנט פונעם אייבערשטן אליין, און ער האט געוואוסט אז זיין תפקיד אלס רבי און מנהיג און אוהבן של ישראל איז צו גיין זיך אראפלאזן און ממציא זיין פאר אידישע קינדער. **און דאס איז זיין צוואה פאר אונז! דאס זענען פון די לעצטע דיבורים פון משה רבינו צו כלל ישראל, ווען ער געזעגנט זיך פון זיי. ער ווייזט אונז מיט זיין הנהגה ווי מ'דארף זיך אראפלאזן צו יענעם, מ'דארף זיך מַמציא זיין צו א צווייטן, בפרט צו א קלענערן פון דיר, נישט זיצן און ווארטן אז יענער זאל קומען צו אונז.**

עס לערנט אונז א וועג לדורות אז אזוי דארפן מיר זיך שטענדיג פירן בין אדם לחבירו. וויפיל מאל מאכט זיך אז ס'איז טאקע דא קריגערייען, ס'איז דא פירוד לבבות, ס'איז דא חילוקי דעות, (ס'מוז נישט זיין דווקא ביי גרויסע מחלוקת'ן, אפילו ביי א קליינע סכסוך, א רייבערייַ, א אומאיינגענעמע מצב), און עס קען טאקע זיין ס'איז דא א מקום אז יענער וואלט מיר געדארפט קומען איבערבעטן. אבער אויב מיר ווילן מקיים זיין והלכת בדרכיו, גיין אין די וועגן פונעם אייבערשטן, גיין אין די וועגן פון אונזער רבי משה רבינו, גיין אין די וועגן פון די הייליגע צדיקים, דארפן מיר זיך אביסל בייגן, מיר דארפן זיך ממציא זיין פאר אנדערע און זיי געבן דעם געלעגנהייט 'אראפצוקריכן פון בוים' און ענדיגן די טענות ומענות. ס'איז טאקע נישט לייכט. ס'איז נישט אייביג אזוי מכובד, אבער אז א איד לאזט זיך אראפ צו א צווייטן, ער געבט איהם די געלעגנהייט, ער עפנט אויף דעם בריקל אז יענער זאל זיך קענען איבערבעטן מיט איהם, יענער זאל קענען ווערן צוריק נאנט מיט איהם, וועט דאַך ווערן פון דעם אזא מין זיסקייט, אזא לעבטיגקייט, אזויפיל שלום ושלוה, און אזויפיל זכותים פאר די יום הדין, ווי חז"ל זאגן אונז (יומא כ"ג.) כל המעביר על מדותיו מעבירין לו על כל פשעיו.

בדרך רמז קען זיין דאס איז די שייכות פון די צוויי פרשיות, ווי מיר האבן פריער גערעדט אז אויבנאויף קוקט עס אויס ווי א סתירה ווייל נצבים מיינט שטיין און וילך מיינט גיין. אבער עס קען זיין די כוונה אַתֶּם נִצָּבִים **"הַיּוֹם"** כֻּלְּכֶם לִפְנֵי ה' אֱלֹקֵיכֶם, ווען עס קומט צו גיין ראש השנה דארפן מיר זיין נִצָּבִים 'כֻּלְּכֶם' זיך אוועקשטעלן אלע צוזאמען באחדות, גאנץ כלל ישראל אינאיינעם פון גרויס ביז קליין, מֵחֹטֵב עֵצֶיךָ עַד שֹׁאֵב מֵימֶיךָ, ווי עס איז מבואר אין **ספרי חסידות**, און ווי דערמאנט אז דאס איז פון די הויפט עצות זוכה צו זיין בדין, ווען מען האלט זיך צוזאמען באחדות און פריינטשאפט. וואס איז די עצה אז עס זאל הערשן אחדות? "וַיֵּלֶךְ מֹשֶׁה וגו' אֶל כָּל יִשְׂרָאֵל", מיר דארפן טוהן אזויווי משה רבינו האט אונז געלערנט סוף ימיו מיט זיין ענוה און התבטלות, מיר דארפן זיך מַמציא זיין און אראָפּלאָזן פאר אנדערע.

מיט אזא סארט הנהגה וועלן מיר מרבה זיין אזויפיל אהבה אחוה שלום וריעות ביי כלל ישראל, די שענסטע און בעסטע הכנה פארן יום הדין, און א כלי מחזיק ברכה אונז צו ברענגען אלע גוטע זיסע השפעות און א גליקליך לעבן.

לסיכום געדענק:

- מיר דארפן אכטונג געבן נישט צו זיין ווי יענער זוהן פונעם משל וואס האט נישט געוואלט עפענען דעם טיר פאר זיין טאטע וואס איז דארט געשטאנען מיט אלע גוטע מתנות.
- אונזער רבי משה רבינו, און די הייליגע חכמים און אמוראים, האבן זיך געלערנט פון קוב"ה אליינס זיך אראפצולאזן און ממציא זיין צו אנדערע.
- אין די ימי הרחמים והסליחות קומט דער רבוש"ע צו אונז, המלך בשדה, ער זוכט אונז אויף ווי ווייט מיר זאל זיך נאר געפונען, ער קלאפט אויפן טיר, שטרעקט אויס א האנט, און כאפט אונז אָן.

# א לעבטיגע שבת קודש!

לע"נ הר"ר **משה שמעון הלוי** ז"ל

בן יבלחט"א אבי מורי הרה"ח ר' **שרגא פייביל** שליט"א